**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/5/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט איבער 70 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט**

***באשטעטיגונג פון פינאנציעלע הילף אויטאריזירט לאקאלע רעגירונגען צו באקומען צוטריט צו די געלטער וואס פעהלן זיך אויס צו קענען אנהויבן פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו אנהויבן ארבעט צו באשיצן זיכערע טרונקען וואסער, פארמיידן פארפעסטיגונג און רעדוצירן סכנות צו די פובליק געזונטהייט און די ענווייראמענט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט איבער 70 מיליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט. די באָורד אָוו דירעקטארס פון די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC) האט באשטעטיגט הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט און אנדערע גרענטס וועלכע זענען אנאנסירט געווארן אין די פארגאנגענהייט, אויטאריזירנדיג צוטריט פאר לאקאלע רעגירונגען צו די געלטער וועלכע זענען נויטיג צו קענען אנהויבן די ארבעט אויף טרונקען וואסער און וואסער אפלויף פראיעקטן וועלכע פארקלענערן פאטענציאלע סכנות צו די פובליק געזונטהייט און צו די ענווייראמענט. די באורד האט אויך באשטעטיגט ביליגע לאנג-טערמיניגע הלוואות פאר פינף פארענדיגטע פראיעקטן, צושטעלנדיג פארלייכטערונג פון חובות דורך נידעריגע אינטערעסט ראטעס ווי ווען אויב די לאקאלע רעגירונגען וואלטן אליין ארויסגענומען הלוואות.

"ניו יארק סטעיט איז פארפליכטעט צו צושטעלן פאר קאמיוניטיס די נויטיגע מיטלען צו קענען אונטערנעמען שרייט אויף קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועלכע פארמיידן דאס ווערן אויסגעשטעלט צו סכנות און געזונטהייט ריזיקעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די גרענטס און הלוואות וועלכע זענען באשטעטיגט געווארן דורך די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט באורד וועט אויסנוצן לאקאלע אינוועסטירונגען אין נאך גרעסערע סומעס צו העלפן פארזיכערן אז אונזערע קאמיוניטיס אין יעדע ווינקל פון ניו יארק האבן צוטריט צו ריינע, זיכערע וואסער."

צווישן די וויכטיגע פינאנצירונג וואס זענען באשטעטיגט געווארן רעכענען זיך גרענטס צו רייניגן נייע פארפעסטיגנדע כעמיקאלן וועלכע זענען אין שטאפלען העכער פון די סטעיט-באשטימטע מאקסימום פארפעסטיגונג שטאפל (Maximum Contaminant Level, MCL). דאס רעכנט אריין גרענטס אין א סך הכל פון 16.2 מיליאן דאלאר פאר די סופאלק קאונטי וואסער אויטאריטעט פאר 11 טרונקען וואסער פראיעקטן און אזוי אויך א 2 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר די מענהעסעט לעיקוויל וואסער דיסטריקט אין נעסאוי קאונטי.

די באורד האט אויך באשטעטיגט צוויי קריטישע וואסער אפלויף פראיעקטן אויסנוצנדיג סטעיט גרענטס ווי אויך פינאנצירונג פון דעם פעדעראלן 'אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ' (Bipartisan Infrastructure Law, BIL). די סטעיט און לאקאלע אינוועסטירונגען רעכענען אריין איבער 7 מיליאן

דאלאר פאר וואָטערוווליעט סיטי אין אלבאני קאונטי און איבער 2.5 מיליאן דאלאר פאר די ווילעדזש אָוו סידני אין דעלעווער קאונטי.

**ניו יארק סטעיט ענוויירעמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאולמאן, האט געזאגט,** "די באדייטנדע מיטלען וועלכע זענען אריינגערעכנט אין די היינטיגע אנאנס שטרייכן אונטער גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו העלפן זיכער מאכן אז אלע פון ניו יארק'ס קאמיוניטיס האבן די פינאנציעלע הילף וואס איז נויטיג צו קענען אונטערנעמען זייערע קריטישע אפלויף וואסער און טרונקען וואסער פראיעקטן. מיר מאכן סטראטעגישע, לעבנס-ראטעווענדע פארבעסערונגען צו אונזער סטעיט'ס וואסער אינפראסטרוקטור, און די אינוועסטירונגען וועלן בענעפיטירן ניו יארקער פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענוויירעמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער און ענוויירעמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט באורד פארזיצער בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו ריינע וואסער זעהט זיך ארויס דורך די סטעיט'ס אנגייענדע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער פראיעקטן אזוי ווי די גרענטס וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן, און זיי ווערן פארשטערקערט דורך די DEC'ס ארבעט אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו באשיצן טרונקען וואסער פון נייע סארטן און פארשידענע פארפעסטיגנדע כעמיקאלן. די DEC איז שטאלץ צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין די סטעיט און פעדעראלע רעגירונגען אויף וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן צו באשיצן די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס און אונזערע נאטורליכע קוועלער פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט צייטווייליגער קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "צוטריט צו ריינע טרונקען וואסער איז א פונדאמענטאלע טייל פון בויען און אויפהאלטן א געזונטע קאמיוניטי. די אינוועסטירונגען וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן דורך גאווערנער האקול אנערקענען די נויט און וועלן פארזיכערן אז מער ניו יארקער האבן צוטריט צו טרונקען וואסער פון די העכסטע קוואליטעט מעגליך."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו זיין קלוג פון פאראויס מיטן מאדערניזירן אונזער ריינע וואסער אינפראסטרוקטור, זייענדיג א הויפט פריאריטעט ווען עס קומט צו בויען געזונטע, ענוויירעמענט-פריינטליכע און שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס. די 70 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וואס ווערט ערמעגליכט צו באקומען אלץ פינאנציעלע הילף פאר וואסער און וואסער אפלויף פארבעסערונג פראיעקטן אריבער די סטעיט וועלן ברענגען די נויטיגע מיטלען צו העלפן רעדוצירן די פאטענציאלע סכנות צו די פובליק געזונטהייט, זיי וועלן בענעפיטירן אונזערע קאמיוניטיס און פארשטערקערן ניו יארק'ס ענוויירעמענט און עקאנאמיע פאר פילע צוקונפטיגע דורות."

**ענוויירעמענטאלע באשיצונג אגענטור (Environmental Protection Agency) ראיאנישע אדמיניסטראטארין, ליסע פ. גארסיע, האט געזאגט,** "די געלטער זענען דא און זענען גרייט פאר קאמיוניטיס צו נוצן פאר פארשידנארטיגע וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט, א דאנק דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ. אנגעהויבן פונעם זיכער מאכן אז מענטשן האבן צוטריט צו זיכערע טרונקען וואסער ביזן רעדוצירן די שמוציגע וואסער אין אונזערע וואסערן — אפלאדיר איך גאווערנער האקול און די ענוויירעמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פארן ארויסברענגען די געלטער פאר ממשיות'דיגע פראיעקטן צו פארבעסערן מענטשן'ס לעבנס אריבער די סטעיט."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "אנגעהויבן פון מעינס וואס צוברעכן זיך אפט ביז פארעלטערטע אינפראסטרוקטור און פארפעסטיגנדע כעמיקאלן ווי בליי און PFAS — זענען אונזערע וואסער סיסטעמען פארנאכלעסיגט געווארן פאר צו לאנג, אפטערהייט אפקאסטנדיג פאר אונזערע קאמיוניטיס געזונטהייט און זיכערהייט. נאך צענדליגע יארן פון זיך ערהוילן פון די באהאלטענע אבער קריטישע אינפראסטרוקטור, בין איך געווען שטאלץ צו אונטערנעמען שריט אין קאנגרעס מיט אונזער אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ. איך בין דאנקבאר צו זעהן געלטער סיי פון די פעדעראלע רעגירונגע און סיי פון די סטעיט רעגירונג ווערנדיג געשיקט קיין ניו יארק, און איך קוק ארויס צו פארזעצן צו שטופן פאר נויטיגע אינוועסטירונגען אין אונזער ראיאן'ס וואסער אינפראסטרוקטור."

**באשטעטיגטע ריינע וואסער פראיעקט פינאנצירונג**

- **ווילעדזש אָוו פלארידע אין אראנדזש קאונטי -** $54,540 WIIA גרענט פאר פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון א נייע רייניגונג סיסטעם ביי די טאון'ס וואסער רייניגונג איינריכטונג.
- **ווילעדזש אָוו עיוואן אין ליווינגסטאן קאונטי -** $600,000 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה, $1,000,000 קורץ-טערמיניגע הלוואה מיט געוועגטליכע אינטערעסט און $200,000 WIIA גרענט פאר פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון פארבעסערונגען צו די רייניגונג סיסטעם ביי די וואסער רייניגונג איינריכטונג.
- **טאון אָוו סענעקע פאָלס אין סענעקע קאונטי -** $5,130,000 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה און $1,710,000 WIIA גרענט פאר פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון א נייע איבערפלוס טאנק ביי די סענעקע פאָלס וואסער רייניגונג איינריכטונג.
- **סיטי אָוו וואטערווליעט אין אלבאני קאונטי -** $875,000 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה און $2,549,000 גרענט פון BIL אלגעמיינע צוגעלייגטע געלטער ( General Supplemental Funds), $2,500,000 קורץ-טערמיניגע הלוואה מיט געוועגטליכע אינטערעסט און $1,248,141 WIIA גרענט פאר פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון אן אויסגעמישטן פראיעקט צו עלימינירן אפלויף וואסער איבערפלוס.
- **ווילעדזש אָוו סידני אין דעלעווער קאונטי -** $565,312 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה און $887,469 גרענט פון, $565,313 CWSRF גרענט און $565,313 WIIA גרענט פאר פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון פארבעסערונגען צו די וואסער רייניגונג איינריכטונג.
- **ווילעדזש אָוו קאָרינט אין סאראטאָגע קאונטי** - $12,423,597 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר ערזעצונג פון די אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג און זאמלונג סיסטעם.
- **טאון אָוו בעטעל אין סאַליוואן קאונטי -** $2,474,520 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה צו איבערמאכן און ערזעצן חלקים פון די שמוץ וואסער אפלויף זאמלונג סיסטעם וואס דינט די קאָניאנגע לעיק אפלויף וואסער דיסטריקט.
- **ווילעדזש אָוו עלדען אין ערי קאונטי** - $4,961,891 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר פארבעסערונגען צו די שמוץ אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג .
- **סיטי אָוו אסוועגא אין אסוועגא קאונטי -** $7,436,058 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה צו פלאנירן, דעזיינען און אויפבויען עלעקטראנישע, מעכאנישע און סאפטוועיר פארבעסערונגען צו די שטאט'ס צוויי אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונגען.
- **סיטי אָוו טראָי אין רענסעלעיר קאונטי -** $4,800,652 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר שמוץ וואסער איבערפלוס עלימינירונג פראיעקטן אין די שטעט טראָי, אלבאני און קאהאָוס אין שטיצע פון די לאנג-טערמיניגע פלאן צו קאנטראלירן שמוץ וואסער איבערפלוס אין די אלבאני פּול.

**באשטעטיגטע טרונקען וואסער פראיעקט פינאנצירונג**

- **סופאלק קאונטי וואסער אויטאריטעט -** WIIA 11 גרענס אין א סך הכל פון $16,200,000 פאר די קאנסטרוקציע פון נייע פארגעשריטענע 'אקסידעישען' פראצעדור סיסטעמען צו ארויסנעמען 1,4-dioxane ביי די פאלגנדע וואסער:
  - סאָנקען מידאַו סטעיט פארק קוואל פעלד אין קינגס פארק, טאון אָוו סמיטטאון.
  - קוואל נומער 3 ביי די Third Avenue קוואל פעלד אין ברענטוואוד, טאון אוו אייסליפ.
  - Commercial Boulevard קוואל פעלד אין צענטראל אייסליפ, טאון אוו אייסליפ.
  - Douglas Avenue קוואל פעלד אין די ווילעדזש אָוו נארטפארט, טאון אָוו האָנטינגטאן.
  - Old Dock Road קוואל פעלד אין קינגס פארק, טאון אָוו סמיטטאון.
  - Lawrence Road קוואל פעלד אין קינגס פארק, טאון אָוו סמיטטאון.
  - Wayne Court קוואל פעלד אין פארט סאלאָנגא, טאון אָוו האָנטינגטאן.
  - Jayne Boulevard קוואל פעלד אין טערייוויל, טאון אוו ברוּקהעיווען.
  - Wheeler Road קוואל פעלד אין האָופּאַג, טאון אָוו סמיטטאון.
  - Peconic Street קוואל פעלד אין לעיקלענד/ראַנקאָנקאמע, טאון אוו אייסליפ.
  - Woodchuck Hollow Road קוואל פעלד אין קאלד ספרינג הארבאר, טאון אָוו האָנטינגטאן.

- **מענהעסעט לעיקוויל וואסער דיסטריקט אין נעסאוי קאונטי -** WIIA $2,058,600 גרענט פאר די אינסטאלאציע פון א 'גרעניולער אקטיוויזירטע קארבאן סיסטעם' צו אויסרייניגן perfluoroctanoic acid (PFOA) און perfluorooctane sulfonate (PFOS) פון די Willets קוואל.
- **טאון אָוו בעדפארד אין וועסטשעסטער קאונטי -** WIIA $841,050 גרענט פאר די קאנסטרוקציע פון א קאנטראל געביידע, קלארינעישען אינדזשעקשען סיסטעם, פארבינדונג פון וואסער מעינס און עלעקטרישע סערוויס אין צוגאב צו צווי נייע סופליי קוועלער פאר די פארמס און אָלד פּאָוסט ראָוד וואסער דיסטריקטס.
- **ווילעדזש אָוו בראקטאן אין שעטאַקווע קאונטי -** $395,520 קורץ-טערמיניגע הלוואה מיט געווענטליכע אינטערעסט ראטעס און WIIA $605,280 גרענט צו ערזעצן בערך 3,400 פיס אין די לענג פון 8-אינטשיגע וואסער מעינס אויף Central Avenue.

**ניו יארק'ס פארפליכטונג צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק זעצט פאר צו פארמערן אירע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. בלויז לעצטנס, אין איר פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר 2023, האט גאווערנער האקול פארשפראכן צו אינוועסטירן נאך 500 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר ריינע וואסער, ברענגענדיג ניו יארק'ס סך הכל אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג סומע צו 5 ביליאן דאלאר. כדי צו אויסנוצן די אינוועסטירונגען און פארזיכערן אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט לאקאלע רעגירונגען, פארבינדן זיך קאמיוניטי הילף מאנשאפטן פון פאראויס מיט קליינע, דארפישע און שוואכערע קאמיוניטיס זיי צו העלפן באקומען פינאנציעלע הילף צו אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. קאמיוניטיס וועלכע דארפן הילף ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC דורכן גיין צו [efc.ny.gov/CAT](efc.ny.gov/CAT).

חוץ פון דעם, מיט די באשטעטיגונג פון ווילער פון דעם 4.2 ביליאן דאלארדיגער ['ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' (Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act)] פון 2022, קומען צו נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו פארבעסערן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס;

און פארזיכערן יושר און גלייכקייט דורכן אינוועסטירן צום וויינינגסטנס 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון הילפס-מיטלען אין שוואכערע קאמיוניטיס.

די EFC האט אנגעהויבן דעם פראצעדור פון צושטעלן ענווייראמענטאלע באנד געזעץ פינאנצירונג פאר וואסער אינפראסטרוקטור דורך אירע גרענט פראגראמען. [די ערשטיגע נוסח פון אנווייזונגען צו זיין בארעכטיגט וועלכע זענען פארעפנטליכט געווארן פאר די פובליק צו קאמענטירן דעריוף](#) פארברייטערט די WIIA/אינטער-מוניציפאלע גרענטס פראגראמען'ס טראדיציע פון מאדערניזירן פארעלטערטע סיסטעמען און באשיצן טרונקען וואסער. קאמענטארן פון די פובליק אויף די אנווייזונגען צו זיין בארעכטיגט וועלן אנגענומען ווערן ביז PM5 פרייטאג, אפריל 14. שיקט אריין געשריבענע קאמענטארן צו מעיר קאנינגהעם אויף NYSWaterGrants@efc.ny.gov אדער צו Environmental Facilities Corporation 625 Broadway, Albany, NY 12207.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן